בס"ד

פיקודי - החודש תשפ"ה

גליון 231

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

מיר שטייען יעצט אין גאָר גאָר הייליגע טעג, דער געוואַלדיגער חדש ניסן וואָס חז"ל זאָגן: "בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ וּבְנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל - אין ניסן זענען מיר אויסגעלייזט געוואָרן און מיר וועלן נאָכאַמאָל אויסגעלייזט ווערן אין ניסן".

דער טאָג ראש חדש ניסן איז געקרוינט געוואָרן מיט צען קרוינען. איינס פון די צען קרוינען איז געווען אַז די הייליגע משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך משה רבינו עליו השלום אין דעם טאָג און די שכינה האָט גערוהט צווישן די אידן.

אין די וואָכן דערציילט אונז די תורה פונעם אויפבוי פון דער משכן, בפרט אין די פרשה פון פקודי. שטייט דאָרט: "וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה אֶת הָאֹהֶל וְאֶת כָּל כֵּלָיו" די אידן האָבן געבראַכט אַלע כלים פונעם משכן פאַר משה רבינו. דערנאָך ענדיגט מען די פרשה מיט "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק" און גלייך הייבט מען אָן "וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה" ווען דער אייבערשטער האָט גערופן צו משה פון אהל מועד.

לאָמיר זען וואָס זאָגט אונז דער הייליגער רבי וועגן די עבודה פון די משכן און וואָס האָט דאָס אַ שייכות צו אונז.

דאָס ערשטע מאָל וואָס דער הייליגער רבי ברענגט אַראָפּ אין לקוטי מוהר"ן די עבודה פון דער משכן, איז אין תורה ב'. אַזוי זאָגט דער רבי דאָרט:

ווען אַ איד דאַוונט דאַרף ער זיך מקשר זיין פאַרן דאַווענען מיט'ן צדיק הדור. ווייל יעדע תפלה וואָס אַ איד דאַוונט ווערט אַ חלק פונעם משכן. און אַזוי ווי ביי די משכן האָט קיינער נישט געקענט אויפבויען דאָס משכן נאָר משה רבינו אַליין, אַזוי ווי עס שטייט: "וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן", אַזוי אויך קענען מיר נישט אַרויפטראָגן אונזערע תפלות אויף אַרויף און בויען די משכן נאָר מיט'ן כח פונעם צדיק, ווען מען איז זיך מקשר מיט אים פאַרן דאַווענען.

עס זענען לייגער דאָ אידישע קינדער וואָס דאַכט זיך זיי אַז זייערע תפלות גייען ליידיג און טוען גאָרנישט אויף, אָבער דאָס איז נישט אמת ווייל אַלע תפלות ווערן צאַמגענומען און אויפגעשטעלט צו אויפבויען די חלקי שכינה וואָס דאָס איז די חלקים פונעם משכן, ביז צוביסלעך ווערט פאַרענדיגט דער גאַנצער בנין און משיח - משה וועט דאָס באַפעסטיגן בשלימות.

ר' נתן אין לקוטי הלכות איז מסביר אויף דעם תורה אַז גאַנץ כלל ישראל, אַלע אידישע משפחות זענען געלאַגערט אַרום די משכן, ווייל די משכן איז מרמז אויף תפלות פון גאַנץ כלל ישראל. (נחלות ד')

די משכן האָט געהאַט אין זיך אַסאַך פרטים:

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר בנימין יאגעלניק הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר בנימין איזריעל הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יהושע לייב פרידמאַן הי"ו
לרגל שמחת הבר מצוה לבנו הב' שניאור זלמן באולם סאטמאר רח' יואל ה' ויקרא

בְּרֶעטֶער, שְׁוֶועלְן, רִיגְלֶער, הֶעקְעלֶעךְ, זַיילְן א.א.וו. אוֹיךְ דִי כְּלֵי הַמִּשְׁכָּן הָאבְּן גֶעהַאט פְּרָטִים, צוּם בַּיישְׁפִּיל אִין דֶער מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען: קְנֶעפְּלֶעךְ, בְּלוּמֶעלֶעךְ, בֶּעכֶערְלֶעךְ דָאס אַלֶעס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תְּפִלַּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל וואוּ יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי מִשְׁכָּן לוֹיט זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אֵיינֶער הָאט גֶעבּוֹיעט מִיט זַיין תְּפִלָּה דִי מִזְבֵּחַ, אֵיינֶער דִי יְרִיעוֹת, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר אִיז דֶער צַדִּיק הַדּוֹר הָאט מַעֲלָה גֶעוֶוען דִי אַלֶע חֲלָקִים אִיז עֶס גֶעוָוארְן הוּקַם הַמִּשְׁכָּן.

דָאס אַלֶעס הָאט שַׁייכוּת צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס קוּמְט צוּ גֵיין, ווייל א׳ בְּנִיסָן אִיז דֶער מִשְׁכָּן גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן מְ׳לֵיינְט דִי חֲנֻכַּת הַנְּשִׂיאִים אִין דִי טֶעג בִּיז פֶּסַח אַזוֹי אוֹיךְ לֵיינְט מֶען אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת וֶועגְן הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן.

אוּן דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְט גֶעבּוֹיעט דִי מִשְׁכָּן יֶעדֶעס יָאר פוּן דָאסְנַיי דוּרְךְ דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת, דֶערְפַאר דַארְף מִיר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא רֶבִּי׳ן. מִיר דַארְפְן זָאגְן הַלֵּל מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַלֶעמָאל אוּן בִּפְרָט אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת (עָלִים לִתְרוּפָה רעט)

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין דִי קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרָה פוּן דֶער מִשְׁכָּן אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אָמֵן.

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

„הַיינְט וֶועט מֶען בְּעֶזְר הַשֵּׁם טוֹישְׁן זִיךְ פְּלֶעצֶער," הָאט מַיין רֶבִּי אוֹיסְגֶערוּפְן. פַאר אַפָּאר אִינְגְלֶעךְ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה הָאפְנְדִיג אַז עֶס וֶועט זֵיי צוּפַאלְן אַ בֶּעסֶערֶע זִיץ אוּן פַאר מִיר אוּן נָאךְ אִינְגְלֶעךְ אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען דִי בֶּעסְטֶע מֶעלְדוּנְג. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ בַּיי דִי עֶק אוּנְטֶער אַלֶע קִינְדֶער. מֶען קֶען זִיךְ גוּט בַּאהַאלְטְן דָארְט, אוֹיךְ אִיז עֶס נָאנְט צוּ דִי הֶענְגֶערְס אוּן טֶעשֶׁער, מֶען קֶען גְלַייךְ נֶעמֶען פוּן טַאשׁ אָן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן...

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל מִיר טוֹישְׁן דֶעם פְּלַאץ אָבֶער וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז הַיינְט אִיז אַ טָאג פוּן טוֹישְׁן פְּלֶעצֶער? אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶענוּמֶען צוּם אַלְטְן מִיטְל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע פְּלַאץ, נִישְׁט וֵוייניגֶער וִוי מַיין יֶעצְטִיגֶע פְּלַאץ.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּרוּפְן דִי נַייעֶ זִיץ-פְּלֶעצֶער. אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן פָארְזִיכְטִיג צוּגֶעהֶערְט אָן אוֹיעֶר צוּ הֶערְן וואוּ מֶען וֶועט אוֹיסְקוּמֶען. יֶעדֶער הָאט גֶעוָואלְט אַ גוּטֶע פְּלַאץ נִישְׁט נָאר אִיךְ.

דֶער רֶבִּי רוּפְט אוֹיס מַיין נָאמֶען אוּן אִיךְ וֶוער אִיבֶּערְרַאשְׁט. אִיךְ הֶער וִוי מַיין פְּלַאץ אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען מַמָּשׁ אִין פָארְנְט נֶעבְּן דֶער רֶבִּי וואוּ מֶען קֶען גוּט מִיטְהַאלְטְן. אוּהַא! אוֹיף אַזַא גוּטֶע פְּלַאץ הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶערָאכְטְן. כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְרוּפְן דִי נַייעֶ פְּלֶעצֶער דָאךְ הָאט עֶס גֶע׳פּוֹעֶל׳ט אַז אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי נַייעֶ פְּלַאץ אֲפִילוּ עֶס אִיז טַאקֶע אִין פָארְנְט, אַדְּרַבָּא מַיין תְּפִלָּה הָאט גֶע׳פּוֹעֶל׳ט אַז אִיךְ זָאל אַיינְזֶען דִי מַעֲלוֹת דֶערְפוּן אַז עֶס אִיז גָאר בֶּעסֶער.

תְּפִלּוֹת קֶען טוֹישְׁן אַ בְּלִיק, צוּ זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַ אִיד.

# לעובדא ולמעשה

אִין יָאר תקס"ג, דִי צַייט וֶוען ר' נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּזַאמֶען מִיטְן רֶבִּי'ן צוּ זַיין אוֹיף דֶער חֲתוּנָה פוּן רֶבִּי'נְס טָאכְטֶער שָׂרָה. דִי חֲתוּנָה אִיז דָארְט פָארְגֶעקוּמֶען רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן. ר' נָתָן אִיז דָארְט פַארְבְּלִיבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן בִּיז נָאךְ פֶּסַח.

ר' נָתָן הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים אַיינְלַאדֶענֶען אוֹיפְן סֵדֶר-נַאכְט, עֶר זָאל קֶענֶען צוּזֶען דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, וִויאַזוֹי עֶר רֶעכְט דֶעם סֵדֶר, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט אַיינְגֶעלַאדְנְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ זִיצְן בַּיים סֵדֶר נָאר מִיט זַיין הוֹיז-גֶעזִינְד.



אָבֶער ר' נָתָן פוּן גְרוֹיס בְּרֶען אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ אִיז גְלַייךְ נָאכְן עֶנְדִיגְן זַיין סֵדֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אַכְסַנְיָא פוּן רֶבִּי'ן אוּן אִיז אַרִיבֶּער בַּיים טִיר, דִי טִיר אִיז דַאן גֶעוֶוען אָפְן וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן 'שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ', הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צוּרָה. דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר ר' נָתָן אַ גֶעוִוינְס וִוי עֶר וָואלְט גֶעוִוינֶען אַ גְרוֹיס פַארְמֶעגְן.

## תפלה פאר פסח

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די וויין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ')

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס גענאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה.

מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.

# וואו איז יאסעלע? #5

*אין קורצן פון פריער:*

*ר' נחמן שטראקס ווערט ארעסטירט, די פאליציי זוכט ארום יאסעלע אין די גאנצע מדינה אבער זיי געפינען אים נישט, יאסעלע גייט אריבער שטילערהייט פון איין ארט צום צווייטן ביי גוטע אידן, מען טראכט א פלאן אים צו אריבערשמוגלען אינדרויסן פון לאנד.*



ר' נחמן שטראקס

דערווייל וואס דער זיידע איז געזעצן אין תפיסה און יאסעלע וואלגערט זיך ארום אן מען זאל אים נישט קענען געפינען, האבן די הויפטן פון די נארוואאס ניי געבויעטע ציוני'סטישע מדינה געהאקט קאפ אין וואנט, זיי האבן נאך אזאנס נישט געהאט, זיי האבן שוין געשטעלט די גאנצע מדינה אויף די פיס אונטערצוזוכן יעדן ווינקל און מען געפינט אים נישט, און אויך פונעם זיידן געלונגט זיי נישט ארויסצושלעפן קיין איין ווארט, זיי האבן פראבירט ארויסלאזן דעם זיידן פון תפיסה אויף א קליין צייט ווען די גאנצע צייט באגלייט אים א וועכטער - א באהאלטענער פאליציאנט וואס גייט מיט וואו ער גייט און קוקט נאך מיט וועמען ר' נחמן טרעפט זיך און וואס ער רעדט, אפשר אזוי וועלן זיי באקומען עפעס נייע פרטים, אבער ר' נחמן האט געמאכט פון זיי ליצי ליצנות....

אמאל איז ר' נחמן געקומען אין שול דאווענען ווען די גאנצע צייט ווארט אים אפ א פארשוין אינדרויסן אים נאכצוקוקן יעדע ריר אבער ר' נחמן איז ארויס פון די אונטערשטע טיר און געלאזט דעם וועכטער מיט די צונג אינדרויסן...

געווענליך גלייך פון תפיסה ארויס פלעגט ר' נחמן אריינגיין זיך שואל עצה זיין מיט ר' אליהו חיים רוזין ז"ל וואס קען מען יעצט טון, ר' אליהו חיים איז געווען א מורא'דיגער פיקח און כאטש דער וועכטער וועלכער איז זיי נאכגעגאנגען האט צוגעלייגט אן אויער האט ער געוואוסט וואס צו רעדן און דער עיקר וואס נישט צו רעדן כדי צו העלפן פארן זיידן ר' נחמן שטראקס און אין איין וועגס אויך פארדרייען דעם וועכטער די קאפ אזוי אז ער זאל נאר ארויסגיין מער צוטומלט ווי פריער...

די הויפט פאליציאנטן האבן געהויבן הענט זיי האבן געזאגט פארן ראש ממשלה אז זיי קענען מער נישט העלפן אין די פרשה! זיי האבן שוין געטון אלעס מעגליך און מער פון דעם קענען זיי נישט! די הויפטן פון די ציונים - ווי פריער דערמאנט איז זייער עיקר מטרה געווען צו חרוב מאכן די אידישקייט האבן דאס נישט געקענט אראפשלינגען, זיי מוזן טרעפן אט דעם יאסעלע וואס מאכט זיי צו שאנד, זיי האבן באשלאסן איבערצוגעבן דעם פליכט פון זוכן יאסעלע פאר דעם "מוסד" דער מוסד איז די ארגאניזאציע וואס די מדינה האט אויפגעשטעלט צו לאקערן און שפיאנירן אינדרויסן פון לאנד, אין יענע צייט איז זייער עיקר ארבעט געווען ארום די זאך פון כאפן באהאלטענע נאצי'ס און זיי אורטיילן אדער אויס'הרג'ענען, אט די ארגאניזאציע האט יעצט באקומען דעם געוואלדיגן זכות... צו לאקערן איבער

יאסעלע און זיין באהעלטעניש.

די זעלבע צייט וואס דער "מוסד" האבן גענומען פלאנען פלענער ווי צו כאפן יאסעלע האבן די פרומע עסקנים געטראפן א וועג אריבערצושמוגלען יאסעלע אינדרויסן פון לאנד, זיי האבן געפונען א גיורת מיטן נאמען רות בן דוד וואס זי איז געווען גרייט זיך איינצושטעלן און נעמען אויף זיך די פליכט.

רות בן דוד איז געווען א פראנצויזישע פרוי וואס אין די מלחמה יארן נאך איידער זי איז געווארן א איד האט זי געארבעט קעגן די דייטשן און האט געהאלפן ראטעווען אידישע קינדער פון די שרעקליכע לאגערן, נאך די מלחמה האט זי זיך באקענט מיטן אידישן גלויבן און האט זיך מגייר צוזאמען מיט איר זון וואס האט געהייסן אוריאל, נאכן זיך מגייר זיין האט זי זיך באהאפטן צו די פרומע אידן פון ירושלים און געפירט א ערליכער אידישן לעבן.

אזוי ווי רות איז געווען באהאוונט דורכאויס די מלחמה יארן צו אריבערשווארצן גרעניצן האט מען איר אריינגעמישט בסוד הענינים און זי האט זיך באלד גענומען צו די ארבעט, מען האט געפאלשט אירע פאפירן אז זי האט א טאכטער און מען האט פארשטעלט יאסעלען פאר א מיידעלע מיט א היטעלע אויפן קאפ... און אזוי איז זי ארויף אויפן שיף מיט יאסעלען און אים אריבערגעפירט קיין אייראפע, ווען די ציוני'סטישע סאלדאטן ביים גרעניץ סטעמפלען אפ די פאפירן פון די מאמע מיט די מיידעלע אן דעם עס זאל זיי איינפאלן אין לעצטן חלום אז דאס איז נישט מער ווי דער "יאסעלע" וואס זיי זוכן שוין אזא לאנגע צייט.

יאסעלע איז געווען א שטיקל צייט אין אייראפע ביי גוטע אידן אין אנטווערפן און אין לאנדאן, מען האט געהאפט אז יעצט וועט ער האבן אביסל רואיגקייט אבער ווען די מדינה האבן זיך דערוואוסט אז יאסעלע איז ארויס פון לאנד האט מען אים שנעל אריבערגעפירט קיין אמעריקע ביי משפחת גערטנער אין וויליאמסבורג.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה







בעז"ה

## מודעה חשובה

פון קומענדיגע וואך **זונטאג** א' ניסן קען שוין באקומען
די קארטלעך צום גרויסארטיגן
**מעמד סיום ספר סיפורי מעשיות** ביי:

**משפחת פרקוביץ רחוב רבי צדוק 8**
**משפחת וועבערמאן בן איש חי 54 קומה 1**
**משגיח הדר ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו**
**משפחת פוקס עובדיה הנביא 16 דירה 6 רמה ג'**
**משפחת שפירא רב חנן 18 דירה 17 רמה ד'**

**די פרייז איז 25 ש"ח, ביים סיום וועט דער פרייז שטייגן צו 35 ש"ח.**

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: "גאר מיין זאך איז תפלה" מען בעט די קינדער זאלן מתפלל זיין להצלחת המעמד שנזכה לפרסם שם השם ושם הצדיק בעולם.**

| | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ב | ת | ג | ג | כ | ס | ז | ה | ח | מ | ש | א | א | ו | ס |
| י | ד | ס | ר | א | ב | י | י | א | ז | א | פ | ר | י | י | ד |
| ו | ר | ו | כ | א | ו | נ | י | ר | ו | ו | מ | א | כ | ת | ה |
| א | י | כ | ז | ק | ד | י | נ | צ | ק | נ | כ | ג | ח | ו | ש |
| ס | י | ו | ג | נ | ל | מ | פ | ט | צ | ר | א | ה | א | נ | ו |
| ה | נ | ת | ו | ע | ו | י | א | נ | ע | ל | ד | ש | ו | מ | ד |
| י | ע | פ | ו | א | נ | א | י | פ | ע | ב | מ | ב | נ | ח | ק |
| ש | ת | ל | מ | ע | א | א | ע | ד | י | מ | ר | י | כ | ר | י |
| פ | ס | ח | פ | ב | ו | ש | ד | ט | ע | ג | ע | א | ל | מ | ק |
| ו | נ | ע | א | נ | א | ב | ח | מ | י | ר | ק | נ | י | ג | ט |
| ו | ג | ט | ו | ב | י | מ | ש | נ | מ | ו | ט | מ | מ | כ | ר |
| ז | ר | ל | נ | ד | מ | י | ט | ש | י | י | נ | ק | י | י | ט |
| נ | ו | ז | א | ז | ו | ש | ד | ש | מ | ס | נ | ז | ד | ט | ו |
| מ | י | ט | נ | ל | א | ת | י | א | פ | ח | י | ע | ס | נ | ג |
| ס | ס | י | ק | ו | ע | ל | י | מ | ל | צ | ר | י | ו | ס | כ |
| פ | ע | ז | ז | ר | א | ו | נ | א | ו | ע | ג | מ | ז | ר | ס |

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן
אזוי אויך טרעף די ווערטער אינעם היינטיגן גליון אין איינע פון די מעשיות

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס גענאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה.

## ה – הַמשך דֶער ׳צַדִּיק׳ וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרוֹיפְגֶעפַאלְן ׳עַצְבוּת׳

[אוֹת ה] אוּן דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין [דַארְף מֶען וִויסְן]: אַז סְ׳אִיז בַּאוואוּסְט: אַז דֶער דָאזִיגֶער ׳גַשְׁמִיוּתְ׳דִיגֶער וֶועלְט׳, אִיז נָאר אַ ׳מִיטְל פּוּנְקְט׳ אִינְמִיטְן דִי ׳גַלְגַלִים׳, וִוי סְ׳אִיז עֶרְקְלֶערְט דוּרְךְ דִי ׳בַּעֲלֵי־תְּכוּנָה׳! [׳חָכְמַת אָסְטְרָאנָאמְיֶע׳, דִי גַאנְג פוּן דִי זוּן, לְבָנָה, אוּן שְׁטֶערְנְס – זֶעה: ׳רַמְבַּ״ם׳ הִלְכוֹת קִדּוּשׁ־הַחֹדֶשׁ; סֵפֶר־הַבְּרִית; סֵפֶר־הַתְּכוּנָה פוּן רַבִּי חַיִּים וִויטַאל]! – אוּן כָּל־שֶׁכֵּן קֶעגְן דִי ׳עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים׳, וֶוערְט דִי ׳גַאנְצֶע וֶועלְט׳ זִיכֶער נִישְׁט בַּאטְרַאכְט, מֶער וִוי אַ ׳פִּינְטֶעלֶע׳!

## ז – דִי צְוֵויי סָארְט ׳שֵׂכֶל׳

זָאלְסְט וִויסְן: אַז סְ׳אִיז פַארְהַאן ׳צְוֵויי סָארְטְן שֵׂכֶל׳! – דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי בְּחִינוֹת פוּן ׳אָחוֹר׳ אוּן ׳קֶדֶם׳ (זֶעה לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן ח״א כא).

דָאס הֵייסְט: אַז סְ׳אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט ׳שֵׂכֶל׳ וָואס דָאס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ לוֹיטְן ׳צַייט׳, אוּן וִוי מֶער עֶלְטֶער עֶר וֶוערְט, וַוייסְט עֶר מֶער.

וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב לב, ז): ״יָמִים יְדַבֵּרוּ [וְרֹב שָׁנִים יֹדִיעוּ חָכְמָה]״, ״דִי טֶעג רֶעדְן״ (דִי טֶעג פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, זַיין עֶלְטֶערְקַייט – מַאכְט אַז עֶר זָאל רֶעדְן; [אוּן דִי פִּילֶע יָאהְרְן זַיינֶע, זֶענֶען אִים מוֹדִיעַ דָאס קְלוּגְשַׁאפְט]).

אוּן דֶער ׳דָאזִיגֶער׳ שֵׂכֶל׳ – דָאס אִיז דִי [עֶרְשְׁטֶע אוֹיבְנְדֶערְמַאנְטֶע] בְּחִינָה פוּן ׳אָחוֹר׳, וָואס דָאס קוּמְט אָן מִיט אַ ׳שְׁפֶּעטֶערֶע צַייט׳. וַוייל צוּ דֶער ׳דָאזִיגֶער שֵׂכֶל׳, דַארְף מֶען הָאבְּן ׳צַייט׳.

אָבֶּער עֶס אִיז פַארְהַאן אַ [אַנְדֶערֶער סָארְט] ׳שֵׂכֶל׳, וָואס דָאס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, מִיט אַ ׳גְרוֹיסְן שֶׁפַע׳, מִיט אַ ׳גְרוֹיסְן שְׁנֶעלְקַייט׳, וֶוייניִגֶער פוּן אַ סֶעקוּנְדֶע – וַוייל דָאס אִיז ׳לְמַעְלָה־מֵהַזְּמַן׳, ׳הֶעכֶער פוּן דִי צַייט׳, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן צוּם ׳דָאזִיגְן שֵׂכֶל׳, קַיין שׁוּם ׳צַייט׳.

אוּן דֶער ׳דָאזִיגֶער שֵׂכֶל׳ – דָאס אִיז דִי [צְוֵוייטֶע אוֹיבְנְדֶערְמַאנְטֶע] בְּחִינָה פוּן ׳פָּנִים׳ [קֶדֶם]. דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן ׳יַעֲקֹב׳, דִי בְּחִינָה פוּן ׳אֱמֶת׳, וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כד, ו): ״[זֶה דוֹר דוֹרְשָׁיו] מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה״, ״[דֶער דָאזִיגֶער דוֹר וָואס טוּעֶן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס שְׁטֵייט דָארְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט], זֵיי זֶענֶען רָאוּי צוּ זוּכְן דַיין פָּנִים דוּ גָאט, אוּן זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן דִי קִינְדֶער פוּן ׳יַעֲקֹב׳, בִּיז אֵייבִּיג״.

## ח – סְגוּלָה [רְפוּאָה] פַאר ׳פָּאקְן׳ [שְׁוַוארְצֶע פָּאקְן]

[אוֹת א] נָאךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיְחִי, הָאט רַבֵּינוּ זַ״ל גֶעזָאגְט: [אַז] אִינֶעם דָאזִיגְן ׳שָׁלֹשׁ־סְעֻדּוֹת׳ – אִיז מִיר בַּאוואוּסְט [נִתְגַלֶה] גֶעוָוארְן, דִי ׳סְגוּלָה׳ [רְפוּאָה] פַאר דִי [קְרֶענְק וָואס הֵייסְט] ׳פָּאקְן׳ [׳שְׁוַוארְצֶע פָּאקְן׳ – וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְסוּכָּנְ׳דִיג, אוּן אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ־הַשֵּׁם מֶער נִישְׁט פַארְהַאן הַיינְט! – דָאס אִיז נִישְׁט ׳וִוינְט פָּאקְן׳ וָואס מְ׳רוּפְט הַיינְט ׳טְשִׁיקֶענְפָּאקְס׳ בְּלַעַ״ז]!

אַז מְ׳זָאל נֶעמֶען ׳קְרַייד׳ [זֵייף פוּן וֵוייעֶכֶע עֶרְד]! – אוּן דְרֵיי מָאל מֶער וִוי דָאס וָואג פוּנֶעם ׳קְרַייד׳, זָאל מֶען נֶעמֶען ׳זֵייף׳ [פוּן גֶעוואוּקְסְן אוּן בְּלוּמֶען]! – אוּן פוּן בֵּיידֶע [זֵייפְן] צוּזַאמֶען, זָאל מֶען מַאכְן אַ ׳בָּאד׳ אָפְּצוּבָּאדְן דֶעם קִינְד! – אוּן מְ׳זָאל דָאס מַאכְן גְלַייךְ וֶוען דָאס קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ בְּרֶענֶען אוּן אָנְגֶעהִיצְט וֶוערְן דֶערְפוּן! – אוּן דָאס וֶועט בְּעֶזְרַת־הַשֵּׁם הֶעלְפְן, אוֹיב דִי גְזֵירָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק! – אָבֶער אוֹיב דִי גְזֵירָה אִיז חַס־וְשָׁלוֹם שְׁטַארְק, וֶועט דָאס דַאן נִישְׁט הֶעלְפְן!

[אוֹת ב] אוּן רַבֵּינוּ זַ״ל הָאט גֶעזָאגְט: אַז דִי ׳פָּאקְן

קְרֶענְק׳, אִיז גֶעוָוארְן צוּלִיבּ דֶעם ׳חֵטְא־הָעֵגֶל׳! – אוּן ס׳אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם דָאזִיגְן זַאךְ: עֶס אִיז דָאךְ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער אוֹיךְ פַארְהַאן דֶעם דָאזִיגְן קְרֶענְק?! – [דָאס הֵייסְט: אַז ׳חֵטְא־הָעֵגֶל׳ אִיז דָאךְ נָאר שַׁיָּיךְ בַּיי אִידְן? אִיז פַארְוָואס אִיז בַּיי זֵיי אוֹיךְ פַארְהַאן דֶעם דָאזִיגְן קְרֶענְק?].

נָאר עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית־רַבָּה פח, א): ״אַז סְ׳וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין, אַז דִי פֶעלְקֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קְרֶענְק! (וִויבַּאלְד סְ׳קוּמְט זִיךְ זֵיי ׳עוֹלָם־הַזֶּה׳ פַאר זֵייעֶר חֵלֶק)! – נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן רֵייצְן מִיט דִי אִידְן [וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לט, ט): ״חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי״, דָּוִד־הַמֶּלֶךְ בֶּעט זִיךְ: ״דֶעם שַׁאנְד פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר, זָאלְסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעבְּן״] – דֶערִיבֶּער הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן אַלֶע קְרֶענְק וָואס אִידְן הָאבְּן״!

אוּן אַזוֹי־וִוי רַשִׁ״י עֶרְקְלֶערְט אוֹיפְן [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] פָּסוּק: ״חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי״ – ״[דֶעם שַׁאנְד פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר, זָאלְסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעבְּן!] – בְּרֶענְג אוֹיךְ אוֹיף אִים [דֶעם שְׁלֶעכְטְן מֶענְטְשׁ], ׳קְרֶעץ׳ אוּן ׳וֵוייטָאג׳! כְּדֵי זֵיי זָאלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן [אוּן פַארְשֶׁעמֶען]: ׳עֶטְס וֶוערְטְס גֶעשְׁלָאגְן מִיט קְרֶענְק אוּן אוּנְז נִישְׁט׳! – אוּן דִי ׳דָאזִיגֶע תְּפִלָּה׳ פוּן ׳דָוִד־הַמֶּלֶךְ׳ הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען, אַז מְ׳זָאל גֶעבְּן פַאר דִי פֶעלְקֶער, ׳יִסוּרִים׳ אוּן ׳קְרֶענְק׳״!

אוּן נָאךְ אִיז שְׁוֶוער לִכְאוֹרָה: סְ׳אִיז דָאךְ זִיכֶער אוֹיךְ גֶעוֶוען פַארְן ׳חֵטְא־הָעֵגֶל׳, דֶער דָאזִיגֶער קְרֶענְק?!

נָאר קוֹדֶם אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק; דַאן זֶענֶען דִי ׳פָּאקְן׳ גֶעוֶוען, צוּלִיבּ דִי בְּלוּט וָואס דִי קִינְד זֵייגְט פוּן זַיין מַאמֶע, וִוי סְ׳אִיז בַּאוואוּסְט פַאר דִי ׳חַכְמֵי־הָרוֹפְאִים׳ – אָבֶער דָאס אִיז נָאךְ דַאן נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, אַז סְ׳זָאל זַיין מְסוּכָּן צוּ שְׁטַארְבְּן דֶערְפוּן חַס־וְשָׁלוֹם, אַזוֹי־וִוי יֶעצְט. אוּן דָאס אִיז גֶעוָוארְן צוּלִיבְּן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן זִינְד [פוּן ׳חֵטְא־הָעֵגֶל].

[אוֹת ג] אוֹיךְ אִיז דָאס אַבִּיסְל מְרוּמָּז אִין ׳סֵפֶר יִרְמְיָה׳, דָארְט וֶוערְט דָאס אַלֶעס מְרוּמָּז אִינֶעם זֶעלְבְּן פָּסוּק (ב, כב): ״גַּם כִּי תְּכַבְּסִי בַּנֶּתֶר, וְתַרְבִּי לָךְ בּוֹרִית, נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי״, ״אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ וַואשְׁן מִיט ׳קְרַייד׳״, אוּן דוּ וֶועסְט דִיר מֶערְן ׳זֵייף׳ – אִיז דַיין זִינְד פָארְט גֶעצֵייכְנְט פַאר מִיר״.

זָאגְט רַשִׁ״י: ״[עֲוֹנֵךְ, דַיין זִינְד:] אוֹיפְן ׳זִינְד פוּנֶעם עֵגֶל׳. נֶתֶר: דָאס טַייטְשׁ אוֹיף לַעַ״ז [פְּרַאנְצוֹיזִישׁ אִידִישׁ]: ׳קְרַייד׳. בּוֹרִית: זֵייף״. (קוּמְט אוֹיס: אַז דָא אִיז מְרוּמָּז דִי סוֹד פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳סְגוּלָּה׳, וָואס דָאס קוּמְט נָאךְ פוּנֶעם ׳חֵטְא־הָעֵגֶל׳. דָאס אִיז: זִיךְ צוּ וַואשְׁן מִיט ׳קְרַייד׳, אוּן צוּ פַארְמֶערְן ׳זֵייף׳). אוּן פַארְשְׁטֵיי וואוּנְדֶער!

## ט – אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס יוּנְגֶע יָאהְרְן:

אֵיינְמָאל אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ ׳פִּדְיוֹן׳, אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף אַ קִינְד מִיטְן נָאמֶען: ״שָׂרָה אֶסְתֵּר בַּת יְהוּדִית״. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אַז זִי וֶועט שְׁטַארְבְּן״! – אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. וּבְאֵלּוּ הַתֵּבוֹת ״מֵתָה״ ״וַיִּבְאַשׁ״ נִתְגַּלָּה לוֹ זֹאת. ״מֵתָ׳ה וַ׳יִּ׳בְ׳אַ׳שׁ״, רָאשֵׁי־תֵּבוֹת: שָׂ׳רָה אֶ׳סְתֵּר בַּ׳ת יְ׳הוּדִית. וַי, מֵתָה. הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אַז עֶר הָאט דָאס גֶעוואוּסְט פוּן דִי ׳הֵיילִיגֶע תּוֹרָה׳, וַוייל עֶר הָאט דֶעמָאלְס גֶעזֶעהְן אַ פָּסוּק (שְׁמוֹת ז, כא): ״וְהַדָּגָה אֲשֶׁר בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ״. אוּן בַּיי דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער: ״מֵתָה וַיִּבְאַשׁ״, אִיז אִים דָאס נִתְגַּלֶה גֶעוָוארְן. וַוייל דִי וֶוערְטֶער: ״מֵתָ׳ה וַ׳יִּ׳בְ׳אַ׳שׁ״, אִיז דִי רָאשֵׁי־תֵּיבוֹת: פוּן דָאס קִינְדְ׳ס נָאמֶען: שָׂ׳רָה אֶ׳סְתֵּר בַּ׳ת יְ׳הוּדִית, וַ׳י, מֵ׳תָ׳ה – הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן.

## י – עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן

עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: אַז אוֹיבּ סְ׳וֶועט זִיךְ זֵיי חַס־וְשָׁלוֹם טְרֶעפְן אַ ׳נִישְׁט רֵיינֶע

פַּאסִירוּנג" (שְׁמוּאֵל־א כ, כו) – זָאל מֶען גְלַייךְ תֵּיכֶּף־וּמִיַּד גֵיין אִין מִקְוֶה זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן"!

ווייל דוּרךְ די 'פַּאסִירוּנג' חַס־וְשָׁלוֹם, וֶוערְט דֶערְפוּן וָואס ס'וֶוערְט דֶערְפוּן, דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר גוּט: אַז נָאךְ פַּאר עֶס הֵייבְּט עֶפֶּעס אָן צוּ גֶעשֶׁעהְן דֶערְפוּן חַס־וְשָׁלוֹם – זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מַקְדִּים זַיין אוּן זִיךְ טוֹבְלְ'ן אוּן רֵיינִיגְן.

אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט: "אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן דֶערְפוּן"! – ווייל די זָארְג אוּן מָרָה־שְׁחוֹרָה אוֹיף דֶעם זַאךְ, טוּט זֵייעֶר שֶׁעדִיגְן.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט די דָאזִיגֶע 'צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים' [תִּיקּוּן־הַכְּלָלִי] וָואס זֶענֶען מְסוּגָל צוּ פַארֶעכְטְן דֶעם דָאזִיגְן זִינְד [פוּן פְּגַם־הַבְּרִית] – דָאס זֶענֶען: ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב; נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"ן – ווי ס'אִיז שׁוֹין לַאנְג עֶרְקְלֶערְט אִין די גֶעדְרוּקְטֶע סְפָרִים (לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"א רה; ח"ב צב; סֵפֶר־הַמִּדּוֹת, קֶרִי ח"ב ה; שִׂיחוֹת־הָרַ"ן קמא; חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן רכה).

דֶעמָאלְס הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אַז וֶוער ס'וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, צוּ זָאגְן די דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים' [תִּיקּוּן־הַכְּלָלִי], אִין יֶענֶעם טָאג וָואס דָאס וֶועט אִים חַס־וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן – וֶועט דַאן זִיכֶער פַארְרָאכְטְן וֶוערְן זַיין זִינְד, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ מֶער נִישְׁט זָארְגְן!

אוּן זַיין עִיקַּר כַּוָּונָה אִיז גֶעוֶוען: אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן זִיךְ פָארְכְטְן פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אוּן עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין מַחֲשָׁבוֹת אִין דֶעם זַאךְ!

נָאר עֶר זָאל זַיין ווי אַ גִיבּוֹר חַיִל, צוּ שְׁטֵיין קֶעגְן זַיין תַּאֲוָה. אוּן עֶר זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן מַסִּיחַ דַּעַת זַיין דֶערְפוּן, אוּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן. אוּן "דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט טוּהְן וָואס אִיז גוּט אִין זַיינֶע אוֹיגְן" (עַל־פִּי שְׁמוּאֵל־ב י, יב), וָואס עֶר ווִיל.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער: אַז דָאס אִיז דֶער בְּחִינָה פוּן דֶער פְּגַם פוּן 'דָוִד הַמֶּלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם, בַּיי 'די מַעֲשֶׂה פוּן 'בַּת־שֶׁבַע' (שְׁמוּאֵל־ב, פֶּרֶק יא). אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גוּט עֶרְקְלֶערְט.

אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה שְׁטֶענְדִיג. אוּן עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס וֶועט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים כָאטְשׁ וָואס ס'זָאל נָאר זַיין.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, אוּן עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין 'מַחֲשָׁבוֹת' (וָואס מ'רוּפְט דָאס: 'אִיבֶּערְטְרַאכְטְן'), אוּן עֶר וֶועט גֵיין מִיט זַיין תְּמִימוּת מִיט שִׂמְחָה – וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּערְצוּגֵיין אוֹיף אַלֶעס בְּשָׁלוֹם.

אוּן די דָאזִיגֶע זַאכְן, קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְקְלֶערְן שְׁרִיפְטְלֶעךְ. "וְעָרוּם יָבִין לַאֲשׁוּרוֹ" (מִשְׁלֵי יד, טו). "אוּן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט וָואס ס'אִיז רִיכְטִיג פַאר אִים".

## יא – דֶער בֶּן־מֶלֶךְ וָואס אִיז דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין טַאטְן

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט אִין 'שַׁבַּת־חֲנוּכָּה', אוּן דָאס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן:

פוּן אַ 'בֶּן־מֶלֶךְ' וָואס אִיז דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין טַאטְן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט וְכוּ' וְכוּ'.

אוּן ס'אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן זַיין טַאטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט דֶערְמִיט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט. אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְקְט: "אַז זַיין טַאטֶע זָאל אִים כָאטְשׁ דֶערְלַאנְגֶען זַיין הַאנְט"! – אוּן אוֹיבּ זַיין טַאטֶע וָואלְט אִים דֶערְלַאנְגְט זַיין הַאנְט – וָואלְט עֶר דָאס גֶעהַאלְזְט אוּן גֶעקוּשְׁט.

נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען:

"דֶער דָאזִיגֶער כְּתַב, אִיז דָאךְ, דָאס 'הַאנְט־שְׁרִיפְט פוּנֶעם קֶענִיג אַלֵיינְס' – אוֹיבּ אַזוֹי, אִיז דָאס דָאךְ דָאס 'הַאנְט פוּנֶעם קֶענִיג' וְכוּ' וְכוּ'".

(דָאס אַלֶעס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן רִיכְטִיג, וַוייל דָאס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן – וַוייל סְ'אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן בַּאצַייטְנְס).

תָּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הַ"נּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ, וּלְאֵין אוֹנִים עָצְמָה יַרְבֶּה" (יְשַׁעְיָה מ, כט).

"גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "וָואס עֶר גִיבְּט כֹּחַ פַאר דִי מִידֶע; אוּן פַאר דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, טוּט עֶר מֶערְן שְׁטַארְקֵייט".

המשך פון די לעצטע זייט

## דעם רבינ'ס משלים



אַז דֶער גְבִיר ר' אֶפְרַיִם הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶער וֶועלְט. וֶוער גֵייט אִים בַּאגְלֵייטְן צוּ זַיין לֶעצְטֶע רוּ? אֵיינְצֶעלְנֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַ אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶע מִינֶע אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים.

אוֹיךְ בַּיים לְוָיָה הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט שִׁישְׁקֶערַייעֶן אִיבֶּער זַיינֶע קַארְגְשַׁאפְטְן. " נוּ, וָואס הָאט עֶר פוּן זַיין גַאנְצֶע רַייכְקַייט וָואס בַּאגְלֵייט אִים נִישְׁט אִין קֶבֶר? גָארְנִישְׁט מִיט גָארְנִישְׁט! זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטֵיילְט, נִישְׁט גֶעגֶעבְּן, זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְנְט מִיט זַיינֶע בְּרוּדֶער.." אַזֶעלְכֶע זִינְגֶערַייעֶן הָאבְּן זִיךְ גֶעהֶערְט.

אַ קוּרְצֶע צַייט נָאךְ זַיין פְּטִירָה, הָאבְּן זִיךְ גֶעהֶערְט גֶעוַואלְדֶערַייעֶן פוּן נָאךְ אוּן נָאךְ אָרִימֶעלַייט וֶועלְן זֶענֶען צַאמְגֶעבְּרָאכְן. דַאן הָאט זִיךְ דֶער סוֹד אַנְטְפְּלֶעקְט אַז דֶער בַּאוואוּסְטֶער 'קַארְגֶער' פְּלֶעגְט אַלֶע יָארְן טֵיילְן גְרוֹיסֶע צְדָקוֹת אוּן שְׁטִיצְן דִי אָרִימֶע מִשְׁפָּחוֹת בַּאשַׁיידְן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן. עֶר הָאט בַּאפוֹילְן דֶעם גֶעשֶׁעפְסְטְמַאן גֶעבְּן מֶעל פַאר שַׁבָּת אוּן אַלֶע גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים פַאר נוֹיטְבַּאדֶערְפְטִיגֶע מִיט אַ שְׁבוּעָה אַז קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט טָאר פוּן דֶעם נִישְׁט וִויסְן אוּן רֶעדְן אִיבֶּער דֶעם.

דִי זֶעלְבֶּע הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוֹיף דֶעם גַאנְג הָאט עֶר בַּאזָארְגְט אַלֶע אָרִימֶעלַייט אוּן זֵיי גֶעשְׁפַּייזְט. וִויבַּאלְד עֶר הָאט בַּאשְׁוואוּירְן אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן זָאלְן נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים הָאט עֶר דֶערִיבֶּער אַלֶע יָארְן גֶעלֶעבְּט מִיט בִּיזֵי-בִּזְיוֹנוֹת וֶוען אַלֶע אַרוּמִיגֶע שֶׁעלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אִים, אוֹיךְ בַּיים לֶעצְטְן טָאג זַיינֶעם זַיין אֵייגֶענֶעם לְוָיָה הָאט מֶען אִים דֶערְנִידֶערְט.

מִיר קִינְדֶער וֶועלְן פְּרִיוְון צוּ בַּאהַאלְטְן אוּנְזֶערֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְהַאלְטְן דֶערְמִיט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין פָּשׁוּט אוּן בַּאשַׁיידְן. (ע"פ כוכבי אור סיפורים נפלאים).

[וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דֶערְצֵיילְט דִי צְוֵויי מַעֲשִׂיוֹת {דֶער בְּלִינְדֶער שְׁפִּילֶער אוּן דֶער קַארְגֶער} הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: וֶוער אִיז מֶער חָשׁוּבֶ'ער, דֶער בְּלִינְדֶער אָדֶער דֶער קַארְגֶער?" הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט". [עַ"פ אנ"ש].

:pe ____________



# לאמיר זיך פארהערן

## דִי שִׂיחוֹת פוּן נָאךְ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (5)

**א. וואספארא סגולה זאגט דער רבי אויף פאקין ר"ל?**
- ❑ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און דריי מאל אזויפיל זייף
- ❑ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט זייף און דריי מאל אזויפיל קרייד
- ❑ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און צוויי מאל אזויפיל זייף

**ב. פון וואס איז געקומען די קרענק ביז א סכנה ר"ל?**
- ❑ פון נישט א קלארע לופט
- ❑ פון געוויסע עסן
- ❑ פון חטא העגל

**ג. פארוואס איז נישט גוט אראפגעשריבן די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט שבת חנוכה?**
- ❑ ווייל דער רבי האט עס דערציילט נאר מיט רמזים
- ❑ ווייל מ'האט עס נישט גלייך אראפגשריבן
- ❑ ווייל מ'האט עס לכתחלה נישט קלאר ארפגעשריבן

**ד. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### וואס זענען די צען קאפיטלעך תהלים וואס ווערן אנגערופן תיקון הכללי?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

### וואו נאך דערציילט דער רבי אין ספורי מעשיות וועגן א"קנעבט"?

**אין מעשה י"א** דער בן השפחה - אִיךְ פַארְקוֹיף מִיךְ צוּ דִיר פַאר אַ קְנֶעכְט פַאר דֶעם בְּרוֹיט

**אין מעשה י"ג** דעם צוויטן טאג - דֶער מֶלֶךְ דֶער אַכְזָר הַנַ"ל. עֶר הָאט בַּיי זַיי אִיבֶּער גִילָאזְט. דִי דְרַיי כּתּוֹת קְנֶעכְט

### וויפל מאל ווערט דערציילט אין סיפורי מעשיות וועגן איינער וואס "שרייט"? 16 מאל

**אין די ערשטע מעשה** וָואס דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אִיר קְלָאגֶן אוּן אִיר גִישְׁרֵיי

**אין די צווייטע מעשה** אוּן דֶער זוּן שְׁרַייט גְלֵייבְּט מִיר אִיךְ הָאבּ גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה

**אין די דריטע מעשה** טוּט דֶער בּוֹים אַ גְרוֹיסֶע גִישְׁרֵיי

**אין די דריטע מעשה** אוּן הָאבִּין אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע יָאר אוּן טֶעג

**אין די דריטע מעשה** אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אַנְדֶערְין אוֹיף זַיינֶע יָאר אוּן טֶעג

**אין די דריטע מעשה** הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זִיךְ

**אין די זיבעטע מעשה** אוּן עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן. גִיוָואלְד. גִיוָואלְד

**אין די ניינטע מעשה** הָאט אוֹיף אִים דֶער תַּם דֶער מִינִיסְטֶער אַ גִישְׁרֵיי גִיטָאן

**אין די צענטע מעשה** הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן צוּ אִיר

**אין די עלווטע מעשה** הֵייבְּט מֶען אִים אָן תֵּיכֶף צוּ יָאגִין. אוּן מֶע יָאגְט. אוּן עֶר שְׁרַייט

**אין די עלווטע מעשה** הָאט אוֹיף אִים דֶער סוֹחֵר אַ גִישְׁרֵיי גִיטָאן

**אין די צוועלווטע מעשה** דָאס גִישְׁרֵיי אִיז. וָואס אֵיינֶער הָאט זַיין פָאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוֹילִיט

**אין די צוועלווטע מעשה** הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן. סֶע שְׁטִינְקְט זֵייעֶר

**אין די דרייצנסטע מעשה** הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגֶיהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן עֶסְן

**אין די דרייצנסטע מעשה** אִיטְלִיכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין חִסָּרוֹן

**אין די דרייצנסטע מעשה** אוּן סֶע שְׁרַייט תָּמִיד דָאס הַארְץ אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוָואל

**דער געווינער פון די וואך איז הילד החשוב יעקב מלמד, בית שמש**

**די מתנה קען מען נעמען בעזה"ה ביים משגיח אין ת"ת ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**

## דעם רבינ׳ס משלים



# דֶער קַארְגֶער בַּאהַאלְטֶערְנֶער עוֹשֶׁר

אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם פְּרֶעכְטִיגְן הויז פוּן דֶער גְבִיר ר׳ אֶפְרַיִם, שְׁטֵייט דָארְט ר׳ שְׁלֹמֹה פַארְשֶׁעמְט מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, עֶר הָאט נָארְוָואס גֶעבֶּעטְן הִילְף פוּנֶעם גְבִיר עֶר זָאל קֶענֶען צָאלְן דִי שְׁוֶוערֶע קָאסְטְן פַאר דִי הֵיילוּנְג פוּן זַיין קְרַאנְקְן זוּן, אָבֶּער עֶר הָאט לַיידֶער נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם פְּרוּטָה, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּטֵיילְן פוּן זַיין וֵוייטָאג. וִוידֶער גֵייעֶן אַרוֹיס צְוֵויי גַבָּאֵי-צְדָקָה פוּנֶעם גְבִיר׳ס שְׁטוּבּ, עֶס שְׁרַייעֶן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶרֶע מַיילֶער פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְּל אוֹיף דֶער קַארְגֶער גְבִיר וָואס קֶען רוּאִיג אוֹיסְהַאלְטְן דֶעם גַאנְצְן שְׁטָאט מִיט זַיין רַייכְקַייט, אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט גְרֵייט צוּ בַּאפְרֵייעֶן אֲפִילוּ אַ קְלֵיין פְּרוּטָה פוּן זַיין בֶּערְזְל אוּן זַיין פַארְמַאכְטֶע טַאשׁ.

”אַזַא קַארְגֶער... אַזַא קַארְגֶער... זַיין גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אַ שְׁלֶעכְטִיגְקַייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גְרֵייט צוּ עֶפֶענֶען זַיין טַאשׁ. וָואס הָאט עֶר פוּן זַיין פַארְמֶעגְן?.. אַלֶעס נָאר פַאר זִיךְ אוּן זֶעךְ...

”אַזַא קַמְצָן... אַזַא קַמְצָן... זַיין גַאנְצֶע רַייכְטוּם אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וִוי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי בִּיטֶער, נִישְׁט זַיין גְרֵייט צוּ עֶפֶענֶען דֶעם בֶּערְזְל. וָואס הָאט עֶר פוּן זַיין גַאנְצְן עֲשִׁירוּת וֶוען אַלֶעס פַאקְט עֶר פַאר זִיךְ אוּן זָארְגְט זִיךְ נָאר פַאר דִי אֵייגֶענֶע טַאשׁ... מֶען מֶעג טְרַאכְטְן אוֹיךְ פוּן אָרִימֶעלַייט, צֶעשְׁלִיסֶענֶע עֲנִיִּים וועלְכֶע קֶענֶען נִישְׁט קוֹיפְן קַיין מֶעל אוֹיף שַׁבָּת?...

אַזוֹי אִיז ר׳ אֶפְרַיִם גֶעוֶוען אָפְּגֶעפְּרֶעגְט אוּן פַארְשֶׁעמְט אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי עַסְקָנִים פוּן שְׁטָאט אוּן אַלֶע אִירֶע אַיינְוואוֹינֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן כְּסֵדֶר אִים בַּארֶעדְט אוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים אוּן זַיינֶע אוּמְרֶעכְטֶע אוֹיפְפִירוּנְג.

גֶעוֶוען אִיז אַ טָאג, מֶען הֶערְט אַ שְׁמוּעָה אִין שְׁטֶעטְל

המשך אויף זייט 10

# געבאפט דעם באן

זוים היילגען רבי׳ן




וועט ווערן אפגעשפילט
בעז"ה דורך חשוב'ע
ברסלב'ע אינגעלייט ביים
סיום סיפורי מעשיות אין
אוהל פיגא, בית שמש
ב' דחול המועד פסח
הבעל"ט